די א

# שטיף מיידיל

איינע

פערזישע ערציהלונג

מאת אמ״ד

## ווילנא

שנת תרל״ו לפ״ק

ДИ ШТИФЪ МЕЙДЕЛЪ

Падчерица,

Повѣсть А. М. Дика.

ВИЛЬНА

въ Типографіи Л. Л. Маца на Квасномъ переулкѣ домъ Ш. Кисина № 1125/6.

1876.

---


הסיפור די א שטיף מיידיל והסיפורים הנקובים פה קנין פרטי הוא לי מאת מחברם ואין רשות לשום אדם להדפיסם בלתי רשותי או רשות ב״כ.


א) מעשה תוספת יו״ט

ב) שירים חדשים

ג) קול רנה

ד) הגיון בכנור

ה) דער קארגער

ו) פישער זאהן

ז) יוסף מניסטער

ח) קול שיר

ט) אשת חיל

י) דער לעבעדיגער מת

יא) שירים ורננים

יב) שירי תהלה

יג) מכירת יוסף ב״ת

יד) גרונעלע די רעבעצין

טו) לידער פאר גוטע ברידער

טז) שירי אמת

יז) דברי שלמה

יח) די א צוויי שרעקליכע פרייטיג צואנאכטיגע אורחים

יט) אביע רננות

כ) פראגער בלבול

נאום האלמנה רויזע קאצינעלינבויגען אשת המנוח ר׳ שמואל ז״ל. בווילנא

אדרעססע

Ройзе Кацинеленбойгенъ.

въ г. Вильна, домъ I. Холема.

1/68318

1.

## דאס מארגען לאנד (אריענט) *)

אײנע װעלט פון פערענדערונגען איז נור אונזער אראפּע. דען עס לױפט ניט איבער אײן יאר איבער אונזערע לענדער װאס זאלן זיך ניט ענדערן אין זײא. דיא קלײדונג דאס הײסט די מאדען. װאס זאלן זיך ניט ענדערן אין זײא דיא פאסאנען פון דיא הײזער. זעלבסט פון דיא שטעט. װאס זאלן זיך ניט ענדערן אין זײא דיא מסחרים. דאס גלײבען דיא למודיות. דיא פארמען פון דיא פראװלעניעס. זעלבסט די פארמען פון עסין. פון טרינקען. פון דײנקען אזױ נאר. און אױך פון ליבען זיך. פון פערהײראטען זיך. אם שנעלסטין גײט עס צו אין פאריז. דאס דארט פאסיעט נאך ניט מאנכע געלאנטע דאמע זיך אנצוציהען אין גאנצען. און צו באענדיק איהרע טאלעטע (אוביאר) װאס זיא האט זיך שױן בעשעפטיגט מיט איר מער אלס אפאר שטונדן שטײענדיג בײא דעם שפּיגעל מיט דער בײא הילפע פון אפאר צאפען (פוצמאכערינען) בין עס װערט איר געבראכט צו איר פון טיש אײן נײען מאדע זורנאל. און זיא מוז זיך שױן נאר פון דאס נײא איבער טאן אום ניט צו ערשײנען אױף דעם באל אלס אײנע אלט מאדעשע. און אזױ אױך מוז דארט מאנכער פרײדיגער (דרשן) באענדין זײן פרײדיגט (דרשה) פיל װעלטליכעס. און פרײער אלס ער האט איהר אנגעהױבען. דען אין דעם פערלױף פון זײנער פרײדיגט איז מען געװארין דארט שױן פיל מער אױף גיקלערטער. און פרײע דײנקענדער אלס מיט אפאר שטונדען פריהער. ניט אזױ אבער מוז דיזער פאל

דארט

---

*) אריענט אדער מארגענלאנד: װערין אנגערופין אלע לענדער װאס ליגען אין דעם מזרח פון דער װעלט (ארץ הקדם) למשל ארץ ישראל: פערזיען: חינע: טירקײע: עגיפטען: און דאס גלײבען.

Дозволено Цензурою 10 Января 1876 г. Вильна.

דארט אין דעם אריענט (ארץ הקדם) דארט בלייבט אלץ ביא דעם אלטען פירונג וויא עס וואר דארט פאר דרייא פיר טויזענד יאר אזוי איז עס דארט איצונד אויך. דיא צייט וואס צו שטערט אלעס פערניכטעט. וואס ברעכט דעמבעס וויא ראזען. פערשלינגט גאנצע פעלקר שאפטען. פרעסט אויף און פערצעהרט גרויסע מלוכות. למשל וויא דיא מלוכה פון בבל. פון אשור. פון צור. עמון. מואב און דאס גלייכין. האט זיך נאך ניט געוואגט צו בעריהרען אן איינע קלענסטע זיטע (מנהג) פון דעם גאנצען אריענט. האט נאך ניט אומגיענדערט איין קנעפיל פון זייערע קליידונג. אדער צו פערמינדערין צו (פערזינציגערן) איין שטיפט (נאגיל) פון דעם נעגיל צאל וואס איז אין דיא אבשאצין פון זייערע פאנטאפיל. פיר און צוואנציג וואר פיר טויזענד יאר. און דיא זעלביגע צאהל איז דארט איצונד אויך *) און פשיטה שוין דאס וויא האט ניט געשמייעט. און שמייעט נאך איצונד אויך ניט צו ענדערין דארט איינע וויכטיגערע זיטע. למשל וואס איז נוגע צו די האכצייטין. צו די קבורות. אזוי וויא פאר איינינע טויזענד יאר אזוי איז נאך דארט דיא זיטע. דאס חתן און כלה דארפין זיך ניט קענען איינער דעם אנדערין ביז דיא ערסטע נאכט. און מוזין זיצען ביינאסען אונטער איינעם באלדאכין גאנצע זיבן טאגע. און ביי דר קבורה ווערט געדונגען קלאגערס וואס בעוויינען דעם טויטין. צו רייסין זיך דיא געזיכטער און אזוי ווערט דארט גינעסין. גיטרונקען. זיך געקליירעט. זיך געפרייט געוויינט געוואוינט. און גערייזט. געשעפטע געמאכט. גערעגירט און אין גאנצען גילעבט פונקט וויא אין די צייטין פון דיא אבות נאך. עס איז נאך צו זעהען דארט ביי דיא ברונעמער גאנצע שטארעם פון קעמלען. פון שאף. און מיידכען פון שטאנד קומען מיט זייערע קריג

צו

*) (סוף קהלת י"ב) כמה מסמרות יהיבו (בסנדל) ר' יוחנן אמר חמשה כנגד חומשי תורה. ר' דוסא בן תנניה אמר שבעה כנגד שבעת ימי בראשית: ר' חנינה אומר תשעה כנגד ט' ירחי לידה. ר' חייא נותן אחד עשר מכאן וי"ג מכאן כנגד כ"ד ספרים מה הספרים כ"ד אף המסמרים עשרים וארבעה. ומה המשמרות כ"ד אף המסמרים כ"ד.



צו שעפין וואסער. עס ווערט דארט נאך גיגלויבט אין מכשפים און מכשפות. און קמיעות. אין שדים. האבין קיינע קלאסען קיינע גימנאזיומס. קיינע אינווערזיטעטין. אויך קיינע אפטייקען. דען זייא גלויבין אין פאטום (גזרה קדומה. דאס הייסט יעדער מענש איז געבארין מיט זיין בעשטימונג וויא לאנג ער זאל לעבין. און דאס קיין מענשליכע הילפע קען ניט אויף איין מינוט פערלענגערין דאס לעבין פון איינעם קראנקען וואס דארף שטארבען. און קיין מלחמה קען פערקירצען דאס לעבין פון איינעם מענשין וואס דארף נאך לעבין) דאהער וואר קיין מיטעל געזוכט דארט קעגין דיא פעסט וואס מילינט אויס גאנצע שטעט. אזוי מיט יאר פערציג צוריק אלס עגיפטען איז נאך ניט געשטאנען אונטער די אראפייעשע הענדלונג פון דעם אבראהים פאשא וואס האט שוין איינגעפירט אין קאהירא און אין אלכסנדריא אקאדעמיען פלעגין אויס צו שטארבען דארט אלע דרייא יאר אין דיזע ביידע שטעט. מעהר אלס דרייא מאל הונדערט טויזענד מענטשין *) און אזוי אויך ניט בעסער איז עס צו געגאנגען אין שטאמבול ביז דיא נייע סולטאנען האבין אנגעהויבין איין צופירען אין איר די אראפייעשע אנשטאלטען (זאוועדענעס) שפיטעלער און קאראנטינען. נאך מעהר גאנצע יאר טויזענדע וואר קיין רעגין אין גאנץ עגיפטען. צייט יאר צוואנציג אבער זינט מען האט דארט פערפלאנצט וועלדער רעגינט שוין דארט וויא ביי אונז. דען וועלדער ציהען אן וואלקענס. אלזוי גענוג בעוויזע. דאס דער בורא ברוך הוא האט גיגעבין דעם מענטשין קראפט צו בעהערשין אויך די קרעפטין פון דער נאטור. וויא אונזערע חכמים זאגין אויף דעם פסוק ומוראכם וחתכם יהיה על כל חית הארץ (סוף פתיחתא של איכה) דאס איינער העררשער מאכט זאל זיין זעלבסט איבר דיא קרעפטע פון דער ערד דען דאס ווארט „חית" הייסט אין לשון הקודש קראפט (כמו חיות ירק מצאת):

נאך מעהר פאר אלץ איז דארט אין יענע לענדער ביי דעם

*) אזו שרייבט אדאם בריסטיאן באספער אין זיינער גיאגראפיע געדרוקט אין ווילנא (1840).

אלטין געבליבען. דיא פיל ווייבעריא. און זייער שלימע לאגע דארט עס איז נאך ביז יעצט דיא זיטע דאס יעדער מעג נעמען ווייבער וויא פיל ער וויל. און ווערין אלזוי פון איהם בעהאנדעלט. וויא לייבאייגענע (פעראנקעס). און זייען דערצו נאך העכסט אייפערזיכטיג איינע אויף דיא אנדערע. און לעבען אימער אין צאנק און אין האדער (קריג) מיט איין אנדער. דאס מיט רעכט רופען זיא אן אונזערע חכמים מיט דעם נאמען צרות. דען יעדע איז איינע גרויסע צרה צו דער אנדערע נאך מעהר עס איז נאך דארט אין פערזיען און אין הינע. דיא אלטע זיטע וואס וואר אין דיא צייטין פון אחשורוש. דאס עס ווערט געקליבען פון דעם גאנץ לאנד דיא שענסטע מיידיל פאר דעם קרוינפרינץ אלס ער דארף זיך פערהייראטהען. ערסט צווייטע יאר דאס איך האב געלעזין אין רוסישע צייטונג. דאס עס איז ארויס איין בעפעל פון דעם חינעזישן מיניסטער. דאס וויל עס פעלין אין קייזערליכען הארעם (פרויען הויז) איינע געוויסע צאהל שיינע דאמען. זאל קיין מיידכען זיך ניט פאר הייראטהען אין דעם פערלויף פון דיזען גאנצען יאר. ביז מען וועט אויס קלייבען פון זיא דיא שענסטע פאר דעם הארעם. אין פערזיען גייט עס אייגעלער צו. אלס דער קרוינפרינץ וויל זיך פערהייראטהען מאכט ער אין דער הויפטשטאט פיל טעג גרויסע בעלער וואס ווערין געלאדען דערצו פיל מיידכען פון גרויסע שטעט. וואס זייען פון שיין געשטאלט און פון ארענטליכע עלטערין. און פון גוטער ערציהונג וויא הערין דארט זייער שיין אויפגענומען מיט קעסטליכע שפייזין. עס ווערט דארט געשפילט. געטאנצט. אזוי געשיהט עס פיל אבענדע ביז ער וויילט זיך אויס דיא בעסטע. און דיא איבעריגע ווערין זייער רייכליך בעשאנקען פון איהם. נון מיינע לעזערין זייען מיר שוין צו ענדע מיט אונזער פארזייערע וואס וועט אונז דינען צו אונזער געשיכטע וויא איין גוטע פאר שפייזע פאר אגוטען מאלצייט.

## 2.

הארמיזדעס מיט זיינע צווייא פרויען.

מיט איאר פערציג צוריק האט געוואוינט אין טעהעראן וואס איז

דיא



דיא פערזישע הויפטשטאט איין געוויסער פערזישער בירגער פון איינעם גרויסען שטאנד וואס האט געהייסען הארמיזדעס. ער וואר רייך. בראוו און צו גלייך איין מיט גליד (צלען) אין דעם דיוואן (סענאט). נאך מעהר זייער קלוג. איין גרויסער מבין אויף דיא וואהרע גיטער דעם לעבינס. און דאהער האט ער קיין געברויך געמאכט פון דיזער ערלויבטע אונזיטע (מנהג רע) צו נעמען עטליכע פרויען אויף איינמאל וואס דאס שטערט דעם הויז פרידען. און שאדעט צוגלייך דער געזונדהייט. און אזוי אויף דעם פערמעגין. און אלס ער האט זיך געדארפט דאס ערסטע מאל פערהייראטהע. האט ער ניט געקוקט אויף געלט ניט אויף יחוס. נור אויף איין שיינעם ארענטליכעם מיידכין פון ארענטליכע עלטערין. און האט ווירקליך אזוי איינע בעקומען. וואס וואר איינע ארימע יתומה פון בעשיידענע (סקראמנע) עלטערין. זיא וואר אבער אזוי שיין דאס זיא האט ניט געהאט איר גלייכען. נור וויא אין שפיגעל און דאס גלייכען גוט און לייבליך וויא איינע טויבע. דעם מיידכין האט געהייסען פאטירע. זיא האט פערלעבט מיט איהם גאנצע צעהן יאהר וויא אין איינעם זיסען טרוים. דאס קיין טריבער וואלקן האט ניט געטריבט זייער מאיאוען הימעל. און אויף דעם צעהנטין יאהר נאך זייער האכצייט איז [illegible] הארמיזדאס [illegible] גליקליכע זאנגע פלעצליך [illegible] בעגאנגען. דען זיא איז איהם אפ געשטארבען ביי איינער שווערען געבורט. און האט איהם איבער געלאזין צום איבעריגען אבער העכסט שטערצליכען אנדיינקען איין טאכטערל פון א יאר אלט וואס וואר איין עכטעס געגענבילד (קאפיע) פון איהר מוטער. זיא וואר איהם ליב און טייער. ערסטענס ווייל זיא וואר העכסט ליבענסווירדיג. איין וואהרע פריהלינגס איינגעל. און צווייטענס ווייל זיא וואר דיא איינציגע [illegible] פון זיינער געליבטען פאטירא. אלזוי וואר זיא גאנצע צוויי יאהר נאך דער מוטערס טויט זיינע גאנצע [illegible]. און זיין צייט פערטרייבען. און וואר אלזוי איין בעגעהר (ברעה) ניט צו פערהייראטען זיך שוין מעהר. דאך דיזע מיינונג צו בלייבען זיצען איין ווידטווער (אלמן) פיר אימער איז געוואלין צו וואסער. אלעס עס וואר איהם פאר געשלאגין איינע בליהענדע שיינע ווידטווע (אלמנה) וואס האט איין גרויס

ארמיגן

ארטינען פערמעגן. מעהר אלס איין האלבען מיליאן צעכינען לבד דעם וואס זיא האט נאך צוויא מאל הונדערט טויזענד צעכינען פאר איה צוויא קליינע טעכטער פון איהר ערסטין מאן. צוויא קליינע מיידכען וואס וואַרען פון דעם זעלבינען אלטער וויא דיא קליינע און שיינע פולווא פאטיקעס טאכטער.

ער האט זיך געלאזט זייער לייכט בערעדען צו דיזער פארטי צווישען אונז גערעט וואר עס אים נים צו פערדיינקען. ערסטינס מוז מען זיין גענונג דום אום צו פערווארפען אזוי אין גליק שידוך צו ליב דיא ליבע צו איינער פערשטארבענע פרויא. און צו ליב די פעטערליכע ליבע צו זיינעם אכט יאהריגעם מיידכען. וואס עס ווערט איהר קיין לייב דורך דעם גישעהן. און צווייטענס הויך אלע זאכען. וואר זיין שטאנד דאן העכסט קריטיש (בעדייקליך) און זיין קרעדיט גאנץ נים פעסט; נון וואר אים דאס ליבע געלט העכסט נייטיג. קורץ געזאגט האט אפ געווישט דיא אויגען וואס וואַרען פערוויינט איבער דיא ערסטע פרויא אום צו ליב איינגעלען זיך (צו קוקען ליבליך מיט דיא אויגען) מיט דער צווייטע. און האט אלזוי אין אפעהלויף פון איין האלבעם יאר זיך שוין פערגעסען אן דעם טויט פון זיינער געליבטען פאטירא. וויא מען פערגעסט זיך אין אשיינע פאגארע באלד אן דעם דונער וועטער וואס וואר מיט אהאלבע שטונדע צוריק. און אביסעל נאך שפעטער וואר ער שוין גוטהערציגע (לוסטיג) און העכסט צופרידען מיט דינעם חילוק. און ווען דיא פאטירא וואלט דאן אויך געשטאנען פון גראב און וואלט פערלאנגען איין ארדין לאזין צו אים אין שטוב וואלט ער איר בוודאי אפגעפערטיגט מיט דעם געוואונליכען שפריכווארט, איך האב שוין מער קיין ארט היר פאר דיר. וואו דוא ביזט ביא טאג דארט זייא ביי נאכט דאך אבער וויא דיא לייטען אזוי אויך דיא פרידען נעמען אויך מיט דער צייט איין ענדע. ערסטינס ווייל זיי ביידע זייען נים שטאנדהאפטיג ביידע וויא זייא קומען אזוי אויך ווערין זייא ביידע פערשוואונדען. און צווייטענס מען ווערט זייער לייכט צו זייא ביידען זייער געוואונט און ווייל וויא מיר וויסען דאס עס איז ניטא אין דער וועלט איין אבזולוטום אונגליק דאס הייסט אזוי איין אונגליק וואס זאל אין זיך נים





האבין איין קצת גוטעס. און אזוי אויך איז ניטא אין דער וועלט קיין אבזולוטום גליק. דאס הייסט אזוי אגליק וואס זאל אין זיך נים האבען איין עטוואס אונגליק אדער איין עטוואס אונאנגענעהמליכקייט. דאהער שפירט מיט דער צייט אן דער ליידענדער מאנכעס גוטעס אין זיינעם ליידען. און מאנכער גליקליכער שפירט אן מיט דער צייט מאנכעס אונאנגענעהמעס אין זיינעם גליק. אן ביא שפילען פעלט נימאנדען הערצו. און אזוי וואר דיא דיזער פאל אויך מיט אונזער ארמינדאס. אלס ער זיך אנגעפרייט גענוג מיט זיינער נייע פרויא. מיט דעם געלט האט ער אנגעשפירט אגרויסע קרענקונג וואס ער ווערט עס האבען פילע יארין נאך דער דיהע פון זיינער נייע פרויא צו ליידען וואס ער קען זיך נאך אליין נים גענוג אפ פרייען פון איר.

ער האט בעמערקט דאס זיא איז העכסט אבגענייגט פון זיינער געליבטע פולווע. און ליידעט איר נים פון גרונד אויס. און דאס דיזע קליינע האט אים דיזען דאס גאר קיין שולד. דען זיא איז זאנפט וויא איינע טויבע. פאלגזאם געהארכזאם. און איז דיא דעמוטה זעלבסט. איהרע שולד בעשטייט נור דאריין וואס זיא איז פיל שענער פאר איהר שטיף שוועסטער. פיל קליינער. און נעמט זיך צום לערנען פיל בעסער אלס איהרע שטיף שוועסטער. און דיזע איז וויא מיר ווייסען פון לאנג אן איינע און פערצייהליבע זינדע. וויא דער חכם זאגט (אין שנאה כהקנאה).

## 5.

## „שטיפמוטער און שטיפטאכטער"

פילע פילע שריפט שטעלער (פערפאסער) האבען געשריבען איבער דעם כאראקטער פון פרויען פרא און קאנטרע. דאס הייסט אנדערע האבין געשריבען גוטעס וועגין זייא. און אנדערע שלעכטעס מאנכע האבען זייא בעשריבען אלס גוטע איינגעל (מלאכים) וואס זייען געשיקט געווארין אויף דער ערד אום צו שירמען די מענער (צו היטען זייא) פון זינד. פון טיראנייע. אום צו מילדערן (צו ערווייכען) זייערע רויע (הארטע) זיטען. און אום צו זיין זייא איינע טרייע בעגלייטערין

(סאפוטניצע) אויף אלע קרימונגען פון דיזען צייטליבען לעבען *) אונ
ברייגנען דערצו אין זייערע ביכער זייער פיל שיינע ביישפילע וואס
גרענעצען אן ווירקליך אן הימעלשע נאטורען.

אנדערע שריפט שטעלער באשרייבן זיי אלס פוריען (שאטאנקעס)
אונ דאס ליבליבעס שיינעס אנגענעהמעס וואס זיא האבין אין זיך
זייען עס נור אום צו פערפיהרען דערמיט דיא מאנעס לייט וויא דיא
זירענען **) מיט זייערע זיסע געזאנגע פערפיהרען דיא זעעפאהרער
אום צו בעקומען זיי אין זייערע קלויען (נעגיל) אונ צו צו רייסען זייא
אונ ברייגען אויף פילע ביישפילע דערצו. אויך ברייגען זייא בעווייזע
פון אונזער תורה. דאס זיא רעכענט צו דעם טויט דעם גרעסטען איבעל
פון דער וועלט אויף חוה רעכענונג, אונ אזוי דערציילען אויף דיא
גריכען פון איינער געוויסען פאנדארע וואס זיא וואר ארונטער געשיקט
פון הימעל אויף דער ערד מיט איינער קעסטיל וואס וואר פול מיט אלער
האנד פלאגען. אויף דיזען אונזערע חכמים פיל מעהר שלעכטעס פון
פרויען אלעס גוטעס. וויא מיר האבין שוין בעשריבען אין דר געשיכטע
"דיא פרויען" אדער "דער טויטעס איינגעל אין דעם שפאן דער ערהע"
הויפט זאכליך זאגין זיי אויף פרויען דאס זיא זייען העכסט ענטציגדעט
דאס הייסט זיא ציגרעט זיך זייער לייכט אן. אונ זאגין דאס זעלבסט
איר נאמען "אשה" פייער דייטעט אויף איהר כאראקטער. אונ אזוי
זאגין זייא אויף קורחם ווייב דאס אלעס זיא איז אריין געפאלען אין
גיהנום. האט זיא מיט איהר פייער אויס געלאסען דעם פייער פון

*) דיזעם לעבען וואס דויערט נור איינע געוויסע צייט הייסט
אין צייטליכעס לעבען.

**) עס וואר פערצייטען גגלויבט דאס עס זייען דא וואס ערטרינקען
וואס לעבען אין דיא טיפען פון דיא מעערען דאס גייען זייער שוין
דאס זיא ציהען אן דעת מיט דיא זעע הייסענרע. אונ דיא אלע
בעקומען נור אין זייערע הענד צו רייסען זייא אויף שטיקער. מאנכע
גלויבען נאך עד היום אין דיזע שמאכטע. איהרעשע מאטראזען זאגען
דאס זיא האבין דיא זעלבסט געזעהען.



גיהינום. אונ דיא זעלבע חכמים דרשענען אויף אויף דעם פסוק "בניך
ובנותיך נתונים לעם אחר" דיינע זין אונ דיינע טעכטער וועלין אוועק
געגעבין ווערין צו איינעם אנדערין פאלק. איז דאס געמיינט דאס זייא
וועלין אנקומען צו איינער שטיפמוטער. אונ גראדע צו זייער איינענע
שאנדע. פערשטייען דיא פרויען פיל מעהר דיא וויכטיגקייט פון דיזער
קללה אלס דיא מענער. דען וועלכע מוטער וויינט ניט אן דעם ליבען
גאט פולע אויגען אים אויס צו בעטין ביי אים דאס איהרע קינדער
זאלין ניט אריין פאלין אין דיא הענד פון איינער שטיף מוטער. ווייל
יעדע פערשטייט אן זיך וויא טיראנעס זיא וואלט בעהאנדלען איהרע
שטיף קינדער העטע זיא עס נור געהאט.

גענוג געדעט פיינע טייערע לעזערין. גאט זאל דיך איינהיטען
פון צוא זיין איינע שטיפמוטער. אונ דיינע קינדער פון צו זיין ביי
איינער שטיפמוטער. עס איזט דעם מענטשינס הארץ שוין אזוא איין
מאל געמאכט, דאס עס איזט מעהר גינייגט צום בייזען אלס צום גוטען.
עס גיבט צוואר אלס אויסנאהמע עס זייגען דא מענכעמאל פרויען פון
גרויסין כאראקטער וואס צווינגען זיך צוא בעהאנדלען זייערע שטיף
קינדער פונקט וויא אייגענע. אונ מאנכע נאך אויס ווירקליכין גוטין ווילין
עס איז אבער גאנץ זעלטין (והתוק מפנינים מכרה) אונ אונזערע זמיראמים
דעם הארמיזוד עס צווייטע פרוי האט לייטער ניט געהערט צו דעם קליינעם
צאהל פון דער אויסערוויהלטען שטיפמוטערס ניין זיא וואר גראדע דער
הפך:

*) מהרש"א הבא פרשה י"ח) "ותקתו תיבש שלהבת". אמרו
רבותינו אשתו של קרח בשירדה לגיהנם ביבשה אותו" אונ דס
איז ווייל איך פייער וואר פיל גרעסער אלס דאס פייער פון גיהנום
אונ די טבע איז דאס איין גרויסע פייער לעשט אויס איינעם
קלענערין פייער. אונ ווייל אלע ענטצינדעטע מאטעריאלען למשל
פולווער. קעראסין. אלדין. שוועביל מוזין וועמער צייט בעהאלטין
ווערין אונטערין שטאט. מוזין אויך דיא פרויען וואס ווערין
געציהלט צוא דיזעם ארטיקיל אויך דארט בעהאלטין ווערין איבער
וועמער צייט.

בהפך דערפון . זיא פלעגט ווערין צו קאכט צו בראטין אלס זיא פלעגט צו זעהן דאס איר מאן צערטעלט אונ קוסט דיא קליינע פולווען זיא פלעגט אפ צוא קערין איר געזיכט אום עס ניט צו צו זעהן . דער מאן פלעגט עס צו בעמערקין אונ וואר העכסט פערדריסליך דאריבער . אונ דאך האט ער אים דעם הייזליכען פרידען ניט צוא שטערין געמאכט זיך ניט הערענדיק אונ ניט זעהענדיק . אונ ווען ער פלעגט איר שוין אמאל פאר האלטען דעריבער וואר עס העכסט געלינד . אונ האט געמוזט אלזו נאך שפעטער זיך צווינגען צו פערשמערצען (צו פערליידין) נאך גרעסערע אונרעכטען פון איר נעגען זיין געליבטעס קינד . אזוא האט ער געמוזט מיט גרויס געדולד צוא זעהען ווייא זיא (די פולווע) ווערט אויס געשלאסען פון מאנכען הייזליכען פערגעניגין . אזוא צום ביישפיל . וואר זיא פון דער שטיפמוטער פערגעסין בייא דער אויס טיילונג אונטער דיא קינדער מאנכע לעקערביסען (נאשערייען) . בייא איינער נייע אויב קליידונג . בייא איינער שפאצירפארט . ביי איינעם בעזוך מאכען . בייא איינער פריינדין . מיט דער צייט האט זיא פער באטין דאס עס זאלין ניט קומען צו איר קיינע פערוואנדטע (קרובים) פון איר פערשטארבענע מוטער . אונ דאס זיא זאל צוא זיי אויך ניט גיין . אויך וואר זיא ניט צוא געלאזין צום טיש . אלס געסטע פלעגין אויפגענומען ווערען . קורץ געזאגט . דיא פולווע וואר צוריק געוויזין אונ געקריינקט פון איר בייא יעדען שריט . אונ אלס דער פאטער האט איר (דער זעמיראמיס) עס מאנכע מאל גאנץ געלינד אויס גירעט האט ער בעקומען פון איר איינע פערדריסליכע אנטווארט . דיינע פולווע פערדינט ניט קיינע בעסערע בעהאנדלונג . זיא איז איינע פערדארבענע . איין נאס מיילבען . איינע שטריגעלערקע . איינע ליגנערין איינע אונצוכט . האט קיינע ערציהונג . איינע פלאפלערין . איינע פערצויגענע . זיא ווערט מיר מיינע קינדער פערדארבין . דען זיא איז העכסט אונ ערצויגען דער פאטער וואר דער פון העכסט געקריינקט אונ האט דיזע גיפטיגע פילע מיט איגנרים ארונטער געשלונגען דען עס וואר אים לייד אים דאס קינד עס וואר אים לייד אום זיין הויז פרידין אונ האט זיך בעשלאסען עס צו דולדין ביז אנגעוויסע צייט וואס

עס



עס ווערט זיך אים אנביטען איינע גוטע געלעגענהייט אים צוא בעסערין דיא מיסליכע לאגע פון זיין ליבעם קינד דאס הייסט אן צו ברייגגין איר (אוועק צו געבין) אירגענד וואו מיט אנשטאנד (דאס הייסט מיט איינער אנשטענדיגקייט) אום דיא וועלט זאל ניט מערקען דאס ער טוט עס צו ליב די שטיפמוטער . דען זאנסט ווערט זיא עס ניט צו לאזין דער וויילע אבער האט ער זיך געלאזט בעגענוגען מיט דיזין קליינעם טראסט דאס ער פלעגט איר (אינס געהיים) אירע טרעטערין שטילען . אונ בעלעהרין דאס זיא זאל דיזע אלע בעהאנדלונגען ערטראגין מיט גרויס געדולד אונ דאס זיא וואר שוין דאן אלט איאר עלף אונ גענוג קלוג אונ פערשטאנדיג צו בעגרייפין אירע קריטישע לאגע האט עס דעם פאטער פערשפראכין . אונ האט עס טריי געהאלטין זיא האט דער שטיפמוטער קיין ווארט אנטקעגן געשפראכין אונ איז ניט אנגיקומען גראב אויך ניט אירע צווייא שטיף שוועסטער וואס האבין זיך געהאלטין אנטקעגין איר גרויס ווייא המן קעגין מרדכי דעם יודין . אונ האט געהאפט אויף בעסערע צייטין אונ נאך וואר אזו קיינע האפענונג ערפיהלונג געקומען ווייא אירע דען גאט וועלבסט איזט דער דיין פון יתומים פון אלמנות דער ווייל אבער האט זיא געהאט גינוג אויס צוא שטיין וויא מיר וועלין דא שרייבין אין דעם פירטין קאפיטעל דערפון :

4.

„ליידין איבער ליידין“

ליבשאפט אונ פיינדשאפט . ווייא אויך זייא זיינען דאך גאנצע צווייא קאנטראסטין (הפכים) פון איין אנדער דאך גלייכין זייא זיך אום ביידע אין דיזעם ענין . דאס דער דויער פון זייא ביידין אונ אזוי אויך זייער אויפהערין ווענדעט זיך נור אן דיא אורזאכין (סבות) פון זייער ווערין . כל זמן עס האלטין זיך זייערע סבות האלטין זייא זיך אויך . ווערט ניט פון דיא סבות ווערט ניט פון זייא אויך . אזו למשל ווען איך ליב איינעם נור צוא ליב זיין געלט : וואס די סבה פון דיזער ליבע איז נור דאס געלט פערשטייט זיך שוין ממילא דאס וויא יענער פערלירט

פערליערט דאס געלט הערט שוין אויף אויך דיא ליבע מיינע צו אים. ליב איך אים אבער נור ווענין זיין חכמה. זיינע ערליכקייט דא בלייבט שוין מיין ליבע צוא אים כל זמן ער לעבט. דאס הייסט כל זמן עס דויערט זיין חכמה זיינע ערליכקייט וואס דאס בלייבט פיר אימער אונ אייביג. אונ דם זעלבע איז אויך מיט איינער פריינדשאפט. ווען איך האסע איינעם נור צוא ליב דעם וואס ער גייט שמוציג אן געטאן. איז וויא נור ער הייבט זיך אן צוא קליידין זויבער הער איך אויף שוין צוא האסין אים. האסע איך אים אבער נור דארום ווייל ער איז קליגער שענער. געלערנטער פאר אים. דא וועל איך אים שוין פיר אימער האסין ווייל זיא איזט (דיא סבה) איינע אייביגע. אונ דיזער פאל וואר דא אויך. ווייל דיא זמיראמים האט געהאסט די פולווע נור ווייל זיא וואר שענער קליגער אונ געלערנטער פאר איהר שוועסטער. איז שוין צו פערשטיין דאס דיזער האסט לא די וואס ער האט ניט אויף געהערט איז ער נאך געווארין פון טאג צו טאג גרעסער אונ גרעסער. דען וואס אטאג מעהר. איז די פולווע געווארין שענער. קליגער אונ געלערנטער. אונ ווענע צוויי טעכטער זיינן געווארין אלץ מעהר העסליכער אונ דומער אונ אונגעוויסענדער. אונ וואס עס וואר דער האס גרעסער איז געווארין דיא פערפאלגונג (הרדיפות) גרעסער. בפרט נאך אלס דער פאטער איז אוועק מיט אגרויסע קאראוואנע (אבאז) פון פינף הונדערט קעמלען אז קיין טאמבוקט. איינע רייזע וואס דויערט מעהר אלס איין יאר פון וועלכער ער האט זיך אומגעקערט ערסט אין איאר אבט ניין. דען ער האט געהאט דאס אונגליק איבער געפאלין צוא ווערין פון די ווילדע בעדוויאינען. דארט אין דיא גרויסע וויסטענייע. זאהארא אונ וואר פערקויפט דארט פון זייא פאר איין סקלאווע צוא איינעם סקלאווין הענדלער וואס האט אים פערקויפט צו איינעם אראבישען עמיר וואס רעגעדירט אין יעמין. אין דער שטעדטע דען וואס לעבין רויטין מעהר וואס מיר וועלין דער פון ווייטער וואס מערער עס שרייבין:

קוים האט דיא זמיראמים ווינד בעקומען (דאס הייסט געוואר געווארין



געווארין). דאס דיא רייכע קאראוואנע *) וואס איר מאן וואר דער אנפירער פון איר (נאצייילניק) אונ וואס ער האט געהאט אגרויסין טייל אין אירע עסרונג וואס האט אנגעטראפין מעהר אלס צוויי מאל הונדערט טויזענד צעכינען (דוקאטין) איז געווארין אויס גערויבט. אונ איר מאן וואר געפאנגען אונ פערקויפט געווארין צוא איין גרויסין סקלאווין הענדלער. וואס זיא וואר דר פון העכסט בעטראפין (איסטערוואזעט) האט זיא באלד אנגעהויבין צוא פערקלענערין איר הייזליכין (שטאט דאס הייסט די הוצאה. האט פערקלענערט איר וואונונג. פערמינדערט (געמאכט קנאפער) דיא צאהל פון אירע דינערשאפט. אונ האט עס געטאן צוואר אויס איינער קלוגין בערעכענונג. דען זיא האט דאך פערלארין בעינאהע איין האלבעס פערמעגען. אונ דער צוא נאך דעם מאן וואס וואר דער פערדינער. אונ עס וואלט עס געווען צוא ריטען אזוי נאר ווען עס וואלט דיזע נייע ארדענונג ניט געווען פערבונדין מיט איינער גרויסין אומרעכט אונ טיראניע וואס זיא האט אויסגעאיבט (געטאן) אונטער דיזען פארוואנד (תירוץ) פון שפארזאמקייט. אונ אקאנאמיע מיט דיזער ארעמע פולווע. דען נאך האט קיין באשעפעניס דארט אים הויזע אזו הארט געפילט דיא נאייע שפארזאמקייט (קארגהייט וואס זיא האט איינגעפירט דארט ביא איר און איר ווירטשאפט וויא דיזע עלענדע יתומה. דאס ערסטע האט מען אבגעשאפט איר לעהרערין. צווייטענס האט מען אנגעהויבין צוא קליידין איר געמיינער אלס פריער. באלד נאכהער האט מען אנגעהויבין צוא בעשעפטיגן איר מיט מאנכע הויז ארבייט — פריער מיט לייכטע. נאכהער מיט שווערע ......

*) איינע קאראוואנע. דער שירה הייסט איין גרויסער אבאז פון פילע קעמלען וואס זיינען בעלאדען מיט דיא מייערסטע וואארען. זיא ציהען איבער דיא ווייטערסטע וויסטעניען. אום צו קומען אין די ווייטע מאזיסען. (אינזעלען וואס געפינען זיך אין דעם זאמד מער). זיא זינד געפיהרט געווערן מיט איינער גרויסין בעוואכונג אונ מיט איינעם אנפיהרער (נאצאלניק) אום צוא שטרייטין מיט דיא דארטיגע רויבער (ווילדע אראבער).

שווערע . אונ אין פערלויף פון איין האלבעס יאר . איזט שוין אזו וייט
מיט איר גיקומען : דאס מען האט איר אן גיהייבין צוא ברויכין צום
קיך . גאנגען צו שיקען . אונ אם ענדע האט מען איר געמאכט פאר
איין קאמער מיידכען ביא דיא צווייא שטיפשוועסטער : זיא האט
גימוזט זיי אן ציהען . אויס ציהען . דיא בעטען פאר בעטען . אונ מאנכע
מאל אקללה פערליידין דער צו נאך אקלאפ . אונ צוויי אויך : אונ זיא
האט עס נעבאך אלעס ערטראגען מיט גרויס געדולד אונ נאך גאט
געדאנקט האס מען טרייבט איר גאר ניט ארויס פון איר פאטערס הויז
דען ויא וואר דארט גאנץ עלענד . אונ וואו איזט עס אזו איינער אין
גאנץ טהעאראן . וואס זאל זיך פר איר אן נעמען וואס זאל איין ווארט
רידען פאר איר . אונ האט זיך אלזו געווענדעט נור צוא גאט וואס ער
איזט דער פאטער פון יתומים . פלעגט אין דיא שטילע נעכט ארויין צו
וויינען אים שטילע טרערין . אונ ער האט זיא (די טרערין) בעהאלטין
אין זיינעם לאגעל . האט געהאט כיט איהר ערבארעמען : אונ האט
איר צו געשיקט איינעם פון זיינע שוין איינגעלען . אונ דיזעס וואר קיינע
אנדערע ויא דיא לאדי (גרעפין) זילפע שטאנהאפע . דיא פרויא פון
דעם דאמאליגען איינגלענדישען געזאנדעטען ווינגהאם שטאנהאפע וואס
איז דאן געוועזין אין דער רעזידענץ טהעראן :

## 5.

## „דיא לאדי זילפע"

האר מיזראס היישט דער פאטער פון אונזער פולהוא . וואס וואר
ווי מיר ווייסען שוין איין פארנעהמער מאן אונ צו גלייך איין געבילדעטער
מאן וואס האט געשפראכען זייער גוט איינגלים אונ פראנצייזיש . וואר
העכסט בעפריינדעט מיט דעם איינגעלישין געזאנדעטען ווינגהאם
שטאנהאפע . אונ פלעגען זיך זייער אפט אייאנאנדער בעזוכען . אונ
דאס גלייכען דיא דאמען . דאס היישט דיא לאדי . שטאנהאפע פלעגט
צו בעזוכין זיינע ערסטע פרויא דיא פאטירען . דיא מוטער פון דער
פולהוא . אונ דיא פאטירע פלעגט איר צו בעזוכען . אונ וואהרען זיך





העכסט גוט . אונ דאהער שוין קיין וואונדער דאס די גרויסע איינגעלישע
דאמע האט ליב בעקומען אויך דיא קליינע פולהוען . אונ וואר אלזויא
פאר איר מוטערס לעבין פיל מעהר ביי דער איינגלענדערין אין שטוב
אלס ביא דיא עלטערין . דען זייערע ביידענס וואוינונגען וואהרען האהרט
נעבען איינאנדער אונ דיא איינגעלישע דאמע וואר אימער גערין גיוועזען
צו זעהען איר לעבן זיך . דען זיא האט קיינע קינדער געהאט . נון
וואר דיא פולהוע איר צייט פערטרייב : (איר זאבאווע) . האט איר
געליבט געהערצט וויא איר אייגענעם קינד : אונ האט איר אויס
גילערינט דיא איינגעלישע שפראכע פון גירוויך נור דאס זיא האט
גישפראכין איינגעלים וויא איין געבאהרענע איינגלענדערין . דיזער
פערטרויליכער (פריינדליבער) פערקעהר פון דיזע ביידע הייזער מיט
אייאנאנדער האט באלד נאך דעם פאטערס טויט אויפגעהערט . דען
דיא צווייטע פרוי . דיא זעמיראמיס וואס האט אנגעהייבין צוא האסין
די פולהוע פון דעם ערסטין טאג אן וואס זי איז גיווארין איר שטיפמוטער
אונ וואס האט דאהער ניט געליטין דס זיא זאל זיין אזוא געליבט פון
אזו איינער איינגעלישין גרעפין . אונ ווערין נאך דער צוא אלע מאנאט
רייכליך בעשאנקען פון איר . האט זיא איר פערבאטין צוא גיין אהין
מעהר . אונטער איינעם פרומען פארוואנד (אויס רייד) ווייל דיא
איינגלענדערין איז איינע קריסטין . אונ איינע קריסטין איז נור איינע
היידין איינע געצין דינערין וויא דיא יודין . וואס איינע מאהומאדישע
טאכטער מוז זיך פערען האלטען (ווייט האלטען) פון זייא ביידין .

דיזער פערבאט אבער האט זיך שטריינג געהאלטין אזוא לאנג
דער פאטער וואר צוא הויז . אונד דיא פולהוע וואר נאך בעהאנדעלט
אלס איינן קינד . נאכהער אבער אלס דער פאטער וואר שוין אין
געפאנגשאפט . אונ די פולהוע וואר שוין אין שטוב בעטראכטעט פיל
מעהר אלס איינע געמיינע דינסט מיידיל . אונ וואר אומגעשיקט אין
פייער אונ אין וואסער אונ דיא שטיפמוטער האט זיך שוין אזו חדיינג
בעקימערט אום איהרעס (פולהוועס) ארומטרייבין זיך (אומוואלאצען זיך)
וויא אום אלע אנדערע בעדערפענעם איהרע . האט שוין דיא פולהוע

אנגעהייבן צוא צוא ברייננען דעם גרעסטן טהייל פון איהרע צייטען איבער גייעס (צוואר גאנץ געהיים) ביא דער איינגעלשע דאמע מיט מעהר פרישקייט. פלעגט איר מיט טהיילען (דה צייטען) אלע טיראנישע בעהאנדלונגען פון דער שטיפמוטער. פלעגט דער ביא איהרע שיינע אייגעליך הויט ווייען. אונ דיזע מענטשין פריינדליכע דאמע פלעגט איר איסער איהרע טרערין שטילן אונ טריקענען. סוטה. אין פלייסען. פלעגט איר זעטיגען מיט דיא קעסטליכסטע שפייזען. אונ האט איר זעלבסט אונטעריכטעט אין דער מוזיק (פארטעפיאנע). אין טאנצען. אין האפטין. אין צייכענען. אין שרייבן אונ ריידין פראנצויזעס איטאליענעס. אונ דאס גלייכין אין פערזים. אונ דיזעס וואר אלץ איין געהיימנים פאר דיא שטיף מוטער אונ פאר דיא שטיפשוועסטער. דען העטען זיא נור דאס מינדעסטע געוואוסט דער פון וואלטין זיי איר שוין גאנץ אנדערש אויפגעפאסט. אונ פילייכט געהאלטין גאנץ איינגעשלאסין דען דיא אייפערזוכט (קנאה) ערלויבט זיך אלעס.

נאך מעהר אום צו האלטין זייא די שטיף מוטער אונ די שטיף שוועסטערס אין שאך (אין טעות) האט דיא איינגלענדערין פערזאגט די פולהען. וואס זיא פלעגט צוא ווערין פון טאג צוא טאג שענער אונ קלינער. דאס זיא זאל גיין אימער שמוציג אונ שמידיג. דיא קליידער אפ געלאזין. די האר אונגעקעמט דאס זי זאל אוים זעהען ווי איינע לארווע. אונ דאס גלייכין זאל זיא זיך בענעמען. אין אלעס וואס זיא ווערט טאן. אונ אזוא אויך אין איר ריידין העכסט דום אונ נארעס. אום איין צוא שלעפערין זייא דאמיט (דיא שטיף מוטער מיט איהרע צוויא טעכטער) אום זיי זאלין שיין מעהר אויף איר ניט קוקין. זאלען איר לאזין פרייען לויף. אונ ניט שטערין איר איהרע ענטוויקלונג (אין איהרע קערפערליכע אונ גייסטיגע אוים בילדונג) „טוע עס מיין קינד מיט פריידין" פלעגט זיא אימער צו זאגין „דיזעס ווערט דיר מיט דער צייט פירען צו איינעם גרויסין גליק. מיינע אוים זיכטין מיט דיר זיינען זייער ווייטע. העכסט גלענצענד אונ מעהר אלס געוויסע. דער-ווייל מיין קינד מוזט דוא שפילין דיא ראלע פון דעם הוד המלך אלס ער איז ארויין געפאלין אין דיא הענד

פון



פון דעם אביש דאס ער האט זיך געמאכט פר איין וואהנזיניגען (משוגע) אונ די ראלע פון דעם ברוטוס וואס האט פילע פילע יארין גישפילט דיא ראלע פון איינעם דומען מענטשין אונ איז גיווארין דורך דעם היקטאטאר (בעהערשער) פון רוים *) אלזו מיין קינד בעוואפענע דיך מיט איינעם אייזערנעם געדולד. אונ זיא (די געדולד) ווערט דיר מיט גאטעס הילף גוטע ציגזין (רוחים) צאהלען. קיינע קנאפערע אלס דיא ציגזין וואס זיא האט איינגעצאלט דעם ברוטוס. בלייבע נור רוהיג. פאלגע מיין ראט אונ האפע צו גאט וואס האט נאך ביז אהער קיינעם ניט אנגעגעצט **). דאך וואס אונ ווען קען איך דיר יעצט ניט זאגין. דען וויא עס שאדעט דאס בעצייטין וויסען פון איינעם אונגליק וואס דארף קומען שפעטער. דם גלייכין שאדעט דאס וויסען בעצייטען פון איינעם גליק וואס דארף קומען".

אונ נאך וואר קיין גוטער ראט אזוא טרייע געפאלגט. אונ געפירט צו איינעם נאלדענעם אונ גליקליכין ציל אלס דיזער וויא מיר וועלין דא באלד ווייטער שרייבען. דער ווייל מיינע טייערע לעזערין וועלין

---

*) דער ברוטוס וואר דער איינציגער פערוואנדטע (קרוב) וואס וואר פערשוינט פון דעם בלוטיגען טארקוויניוס קיניג פון רוים (אין דעם יאר 750 פאר בריסטא) וואס האט אוים געמארדעט זיינע גאנצע פאמיליע ביז דעם איינציגען ברוטוס וואס האט פון זיינער קינדהייט אן געשפילט ביא אים אין הויף דיא ראלע פון איין דומען יונגע. דם ער האט אים גאנץ פעראכטעט. אונ האט אים געלאזין לעבין. אום נור צוא מאכין זיך לוסטיג איבער אים. אונ דיזער געמאכטער נאר האט אים אם ענדע אראפ גיאגט פון טראהן. אונ איז גיווארין קונזיל אין רוים וואס וואר דאן פערוואנדעלט אין איינער רעפובליק.

**) מי הקדימני ואשלם. אין לכל בריה עמדי כלום. דאס הייסט איך בין קיינעם שולדיג זאגט גאט.

וועלין מיר אריין שפאצירען אין איינעם קיניגליכין פערזישען טאנץ זאל . וואס עס איזט געהענם ווערט .

## 6.

## „דער טאנץ זאל"

נאנצע זעקס יאר נאך דער רייהע . האט אונזער פולווע שטודירט דיא הארטע שולע (זייער שטארק געליטין) . עס איז איין ליידען צו זיין ארעם . אבער איין נאך פיל גרעסערעס ליידען איזט צוא שפילען איינע ארעמע ראלע ביי איינעם גרויסין פערמעגין . דאס הייסט דערשטעהן זיצענדיק ביי איינער לאבענדען קוועלע . אונ הונגערין ביי איינעם וואויל בעזעצטען טאפעל (טיש) אם ערגסטען אבער איז איינעם מיידכען צו פער אונשטאלטען (בעזאבראזוועןן) איר שיינעם געזיכט אונ צו פערלייקענען איר פערשטאנד . דאך דער גאט וואס האט געמאכט איינע ענדע צו דער פינסטערנים (קץ שם להושך) . האט געמאכט איינע ענדע אויך צוא איהרע צרות וואס ווארען איבער דיא מאסין (איבעריג מאס) דען לבר איהרע אייגענע ליידין האבין אירע אויגין גיט גיטריקינט איבער דיא ליידין פון איר פאטער וואס לעבט אין איינער שווערין סקלאווערייא הארט אין יעמין . אונ עס איזט קיינע אוים זיכט דא צוא בעפרייען אים . דען מען בעט איינע שווערע לייזגעלד פאר אים אונ דיזעס חיל דיא שטיפמוטער גיט געבין . נון וואר שוין דער טיט אויך באלד איינע ענדע . אין דעם זעקסטין יאר פון זיינעם פערהייזען איז געווארין דער פערזישער קרוין פרינץ שוין מינדיג (סאווערשענע לעטנע) אונ דאן האט ער זיך שוין גיטווזט פערהייראטין . אונ דאהער איז ארויס איין קיניגליכער באפעהל צו אלע זאטראפען (גובערנאטארין) דאס אלע פארנעהמטע בירגער פון יעדער גובערניע וואס האבין נור שיינע טעכטער . זאלין זיא שיקין אויף קיניגליכין קאסטין אין דער רעזידענץ טעהעראן . אום דאס דער קרוין פרינץ זאל האבין גינוג מיידכין אום אוים צוא קלייבין זיך איינע גיפעליגע ווייב . יעדע גובערניע זאל

שיקן



שיקן אירע מיידכין אין איינעם בעזונדערין מאנאט . אונ אם לעצטין וועט נעוויילט ווערין אויך . פון דיא מיידכין וואס גיפינען זיך אין טעהעראן זעלבסט :

עס וואר דר צו דארט אין טעהעראן אויס גיבויט איין בעזונדר פאלאץ מיט איינעם גרויסין טאנץ זאל . מיט פיל זייטין צימער וואס אהין זאלין צוא זאמען קומען אלע אוועגט דיא צו זאמען גיפארענע מיידכין פון יעדער גובערניע . אונ אויבין ביי דעם שופיט וואר איינע נאלערעצקע וואס דארט זאל זיצין דער קרוין פרינץ מיט זיינער מוטער מיט לארנעטין אין דיא הענד אום צוא בעטראכטין יעדעם מיידכין פון ווייטין . דען לויט דיא זיטע (מאדע) פון פערזיען . טאר זיך קיין מאנספערזאן אריין מיסן אונטער פרויען צימער כל זמן זייא זייען גיט זיינע פרויען . אונ פשיטה שוין דאס עס טאר גיט קיין יונגיל טאנצין מיט איינעם מיידכין :

דער פאלעץ אין נאנצין . אונ אם מעהרסטין דער טאנץ זאל ווארין איינע מייסטער ווערק . עס האט נור גיפעלט איין שיידיל צוא אים אונ ווייטער גיט . דער זאל וואר גיפוצט אונ בעלויכטין מיט אלע האנד פייער בלומען . אין אלע פיר עקין פון אים ווארין סאמארנע פאנטאנען וואס האבין גיזעצט פון זיך אלער האנד שמעקענדעס וואסער אונ אין מיטין וואר איין פאנטאן וואס האט גיזעצט פון זיך אלער האנד קיהלענדע אונד לאבענדע גיטרינקע . אין דיא פענסטער פארמוגין זייען גישטאנען קליינע טישלאך מיט אלער האנד ערפרישונגען פון פרינכטע פון קאנפיטורען פון גיבעקענס . אונ פון איינער גיהיימען גאלעריא האט ארונטער גישאלט איינע צויבערענדע מוזיק . אין דיזעם זאל האבין אלע אוועגד אומשפאצירט . אונ גיטאנצט הונדערטע מיידכין וואס ווערין גיקליידעט נאנץ בורלאנט . אונ האבין זיך אונטער האלטין גישפראכין מיט דיא הויפדאמען אונ מיט דיא פערוואנדטע (קרובעטעס) וואס זייען אהין גישיקט גיווארין אום צו וויסין וועלכע איז אונטער זייא דיא קליגסטע . די גילערינסטע דיא גיבילדעטסטע . אונ דיא זיטליבסטע . אונ צוא גלייך דיא גיזידעסטע .

צוא

צוא שלאגט ניט אין דאמפף פון מונד . צוא פעלט ניט אצאן אונ דאס האט מעהר אלס אין גאנצעס יאהר (דיזע ווייהלונג וואהל) גיוועדט. עס וואר גרויסע סומען דארויף פערשוועגדערט . אזוא פון דער זייטע דער רעגירונג . אזוי אויך פון דער זייטע דער מיידכינס עלטערין . דען יעדע פאמיליע האט זיך אנגישטריינגט מיט אלע מיהע זייער טאכטער אויס צו קליידין אונ אויס צו פוצין צו דיזעם קיניגליכין פרייען מארק . אונ לייזער וואר אלעס פערלארענע מיהע . דען ניט איינע פון אלע נוגעברסקע שטעט . האט גיהאט דאס גליק גיפעלין צוא ווערין דעם קרוין פרינצין אונ זיינע פערוואנדטע . דען מען האט אן יעדע באזונדרע איין אנדער חסרון גיפונען מאנכע שטאט ערט (פערהיקערט זיך) מאנכע רעט צוא פיל מאנכע רעט צו ווייניג מאנכע איז צוא קלוג . מאנכע היגקט צוא אקאפעצקע אויף דעם שכל אונ מאנכע אביסיל אויך אפיסיל :

אונ אלזוי קורץ גיזאגט . עס איז גיקומען די ריהע (צערעדע) אן די מיידכען פון די רעזערענץ זעלבסט . אונ די מוטער פון דעם פרינצין האט גילאזט אויס טיילין פיל אלמאזען (צדקה) דאס גאט זאל שוין איהעם זון באשערין אכלה פון דער הויפט שטאט . דאס מען זאל זיך ניט דארפין אומזעהן וועגין דעם נאך דעם אויסלאנד חלילה . נאך טירקיא נאס מעשטערקט דארט אויס בשעת גיבעט נור צווייא פינגער אבער ניט דרייא ווי אין פערזיען : וואס דאס איז דיא גרעסטע אפיקורסות אונ דאהער וואר אויס גיטרומייטערט אין גאנץ שטאט . דאס אלע עלטערין וואס זייען נור פון שטאט זאלין שיקין זייערע טעכטער איין גאנצין מאנאט נאכאנאנד אין דעם קיניגליכין באלאווין זאל . אונ ווער עס וועט זיין טאכטער באהאלטין אויס פורכט דאס מעוועט איר ניט וועלין ווייל זיא וועט פילייכט ניט גיפעלין . וועט באשטראפט וערין זייער שווער :

דיזער שטרייגנער באפעל . איז ערפילט גיווארין זייער שנעל : דען וועלכער טאטער וויל עס ניט לויז ווערין פון א טאכטער . בפרט נאך אין אזוי אין אופן וואס זיא קען ווערין גאר קיניגין . אונ פשיטה

שוין



שוין איז עס נערין יעדעס מיידכין אליין . דען וועלכע מיידיל וויל עס ניט ווערין אכלה אונ נאך איינע פרינצעסין דער צוא . דאהער קיין וואונדער דאס ביי דיזעם אויפרוף . וואר יעדער שפיגיל פאר שטעלט . הונדערטע פאר מיידכין אויגין האבין ארויין גיקוקט שוין אין דעם קלענסטין . אונ יעדע האט זיך דער ווזסט אין אים שיין אונ חיינדיג צוא ערשיינען אין דעם באלאווין זאל . אונזערע צווייא שטיף שוועסטער ווארין דיא ערסטע וואס האבין זיך ארויין גיציילט אין דר צאהל פון דיזע קאנדעדאטקעס . אונ ווארין אלזוי בעשעפטיגט מיט פאלין העמדין זיך צוא פוצין . צוא וואסין . אונזערע ארעמע פולקע וואר זייער שטארק אין אנשפרוך גינומען (בענוצט גיווארין) צו דיזע מיידוילשע ארבייט צוא מאבין צוא רעכט זייער טאלעטע . צו לויפין צו די פוצמאכערינען צוא דיא שניידערס אונ דאס גלייכין . דען עס איז קיינע קליניקייט איין מיידכין צוא זאמען שטעלין געהעריג אונ צוא פערפארטיגין געהעריג צוא איינעם באל . מכל שכן צווייא דער צוא נאך . קורץ גיזאגט . עס וואר דארט דאס גאנצע מיידכין וועלט אין אלארעם דיא העסליכסטע אזוי גאר האט זיך אויך צו גיברייטעט צוא דעם טאנץ זאל . ערסטענס ווער ווייס דאס . ניט גראדע זיא זאל דעם פרינצין גיפעלין דען עהען (שידוכים) זייען דאך פון גאט , אונ וואס באשערט איז ניט באווערט . אונ צווייטינס זען ניט וועט זיא דר ווילע גענייסין אין פריילעכין אווענד . אלע ווארין דאן בעשעפטיגט מיט דעם . נור איינע איינציגע ניט . אונ דיזע וואר קיינע אנדערע אלס אונזערע ארעמע פולקע. זי האט אויס גיפוצט צו דעם טאנץ זאל נור אירע צווייא בלוט פיינדינען אונ אליין איז זיא גיבליבין אן גיטאן אין אירע לומפינך (טראנטעוואטע) סקלאווין קליידער באדעקט מיט שטויב אונ מיט שמאך. אונ אלס זייא זייען שוין אהין אוועק . איז זיא ארויף צו אירע נענערין (פריינדין) צוא דער איינגלענדערין ווייא גיוואונליך אום דארט אויס צו שיטין איהר שווער הארץ פאר איר אונ אום זיך אונטער צוא האלטין מיט איר :

קיים האט איר דיא שטאנהאפטע דער זעהן . האט זיא איר

ארין

ארײן גיפירט אין איר גארדעראָבע. האט איר דארט גילאזט אויס ציהען איהרע שמוציגע סקלאווע קלײדער. האט זיך איר גילאזט ארום וואסין. אונ דער נאך האט זי איר גילאזט דורך איר צאפע (פוצמאכערין) העכסט אלעגאנט אויס קלײדין. אין טײערע שטאף גאנץ אלע מאהר: האט איר אן גיטאן אין טײערע שמוק. אונ האט איר גישטעלט קעגין שפיגיל די פולווע וואר אויסער זיך פון פריידין. זיא האט זיך זעלבסט ניט דער קאנט דען זיא וואר ווירקליך שיין איבער דיא מאסין. נוא מײן שמערצענסקינד האט זיך אפגירופין דיא אײנגלענדערין צוא איר אויף דיזע צײט האב איך דיר אויף גיוויזין געלאזט דיך האפין יארין לאנג. נון מײן קינד גײא אונ בענוצע זיא בײדע אין דעם טאנץ זאל אונ גאט מיט דיר אויף דיזעם וויכטיגין גאנג וויא ער וואר אמאל מיט דער רות אלס זיא איז גיגאנגען צוא דעם בועז אום צו ווערין זיינע אבלה. אונ וויא ער וואר אמאל מיט דער אסתר המלכה דאס ער האט איר גיגעבין חן אין דעם אחשורוש אויגין דאס זיא איז גיווארין זיינע אפריוא. ער וואר זייער פאטער אויף דען דיא וואריין ביידע יתומים. דוא זאלסט דיך אבער פערין (ווייט) האלטין פון דײנע שוועסטער. דאמיט זייא זאלין דיך דארט ניט דער קענען. בעשפרעכע דיך מיט דיא האפדאמען. אונ צײגע זיי דײנע קענטניסע דײנע בילדונג. דאך ניט בויערס שטאלץ אלס אײנע פראהלערין (בערימטערקע) אונ בעאײלע דיך צוא קומען צוריק פיל פריער אלס דײנע שוועסטער וועלין זיך אומקערין. דען זייא ברויכין עס ניט צו וויסין. דאס דוא ביזט דארט גיוועזן. דוא מוזט נאך דײנע גיהעריגע ארעמע ראלע נאך עטליכע טעג ווייטער שפילין אונ אלס דינסט נאך בעדינען דײנע שוועסטערס בייא זייא ערקומען צוריק פון דעם טאנץ זאל. פאסע גוטע מײן קינד איך האפע דאס דוא וועסט דארט מעהר פאר אלע אנדערע דארט אויס נעמען:

דיא פולווע האט איר גיפאלגט וויא דיא רות אמאל דיא נעמין אלס זיא האט איר גישיקט בייא נאכט צוא דעם בועז. אונ האט זיך דער נאך אומגיקערט צוא איר וויא יענע מיט גוטע האפענונגען

צוא



צוא ווערין אבלה אונ פיל לייכטער. אלס זיא דען יענע האט זיך גיבראכט צוא שלאפין מיט אהעקיל גערשטין. אונ זיא מיט אײנעם מיליאנאווען רינג אלס געשיינק פון דעם קרוין פרינץ מוטער. אלס איין אויף גיבאט (האנדגעלט) אויף אײנע גרעסערע סומע. דאס הייסט אויף די קראנע זעלבסט. דען וויא זיא איז נור ארײן אין זאל וואריין אלע אויגין גיריכטעט אויף איר דען זיא האט מיט איהרער שיינהייט אונ גלאנץ פערדונקילט אלע אנדערע שיינהייטין. וויא דיא זון פערדונקילט מיט איר אויפשײנען אלע שטערין פון הימיל. זיא האט אלעמען בעצויבערט עפעס וויא איין וועזין פון אײנער בעסערין וועלט עס האב זיך באלד צוא גיווענדעט צוא איר דיא הויף דאמען. די קיניגליכע פערוואנדטע האבין מיט איר גישפראכין אונ זייען גיווארין וויא בעצויבערט פון איר זיסע שטימע אונ פון אירע קלוגע רייד. עס וואר פון איר שיינהייט נעבלענדעט זעלבסט דער קרוין פרינץ אונ זיינע מוטער. אונ האבין איר גילאזט אן טאן דיזען קעסטליכין רינג בייא אלעם דעם האט זיא זיך דארט ניט לאנג פערזאמט. אונ האט זיך דורך אזייטין צימער ארויס גימאכט אום צוא בעקומען בעצייטין. צוא דער שטאנהאפע האט איר דער ציילט וואס עס האט דאמיט פאסירט מיט איר אונ האט איר בעצייגט דעם רינג „גוט מײן קינד" האט זיא איר גיזאגט „נון וועט עס מיט גאטעס הילף גוט זיין: נור גידולד נאך אײניגע טעג. דער ווייל גייא אונ ערוואַרטע דײנע שטיף שוועסטער. אונ בעדינע זייא וויא פריער":

אין אפאר שטונד ארום אלס די שוועסטער זײען גיקומען צוריק האט זייא דיא פולווע גיבעטין אויס ציענדיק זייא. דאס זייא זאלין איר דער ציילין. וואס עס וואר דארט „ווען מײן ארעמער אונ עלענדער שטאנד ערלויבטער מיר ניט צוא זעהן וויא עס דארט פאסירט מיט מײנע אויגין" האט זיא זיך אפ גירופין צוא זייא „בעט איך אייך דאס איר זאלט עס מיר אם ווייניגסטין מיט טײלען (דער ציילין) עס מוז פערגעוויס דארט גאנץ וואונדערליך צוא זיין" „אונ מעהר וואונדערליך איז מיר" האט זיך אפ גירופין דיא עלטערע צוא איר „דאס דו מײנסט

נאך

נאך ווען דוא וואלסט ניט גיוועזן אזוי ארעם אונ אזוי עלענד . וואלסט דוא אויך גיגאנגען אהין . אונ פערגעסט גאר דאס דוא ביזט איינע גרויסע העסליכקייט . מע וואלט דיר פערגעוויס ניט אריין גילאזט אהין ווען דוא וואלסט אפילו גיוועזן גיקליידעט וויא איינע פירסטין . פאר אזוי דום האב איך דיך קיין מאל גיהאלטין אין מיינעם לעבין . נור ביא אלעם דעם וועל איך דיר איין עטוואס דער ציילין שענער קען שוין ניט זיין זעלבסט אין דעם גן עדן . עס איז ניט קיין טנה אים שטאנד עס אויס צוא דער ציילין . אונ קיין פעדער איז אם שטאנד צוא בעשרייבין אין אמשך פון אגאנצין מאנאט וואס עס איז זיך דארט דא אנגצוזעהן אין דרייא פיר שטונדין . מעהר פאר אלץ איז דארט דיא גיוועזן צוא זעהן . איין מיידכין וואס האט ניט איר גלייכין אונטער אלע מענטשין טעכטער . איין וועזן זאג איך דיר פון איינער בעסערין וועלט . גיוויס איז עס איינע פון דיא הימעלישע טעכטער וואס האט זיך פעראירט הער אויף ערדען . זיא איז אין גאנצין איין געגין זאץ (איין הפך) פון דיר . דוא אונ זיא האבין מיר שוין אונטער אונז ביידין גישפראכין זייען דיא ביידע עקסטרעמען (דיא לעצטע ענדין : קצוות האחרונות) פון דעם ווייבליכין געשלעכט (פון דעם ווייבערשין מין) זיא איזט דער קצה האחרון פון ווייבליכער שענהייט . אזוא וויא דוא ביזט דער קצה האחרון פון ווייבליכער העסליכקייט . א העטעס דו דארט אויך גיוועזן . וואלסט דו איר גידינט פר איינע גוטע פאליע *) נור שארע אום דיזע מצעגע . זי וואלט דאן אוים גיזעהן אין פערגלייך מיט דיר נאך צעהן טויזינד מאל שענער אלס זי איז אין דער ווירקליכקייט . נון האסט דו דיר-

„נון פרייט מיך" האט זיך דיא פולווע אפ גירופין „דאס איך אזוי עליגר בין . אונ סקלאווין גיווארין זאנסט וואלט איך די דומהייט בעגאנגען . מיך אריין צוא רייזין אהין אונ וואלט גיוועזן צו דארט צום שפאט

*) איינע פאליע הייסט . איין רויט נאלדענעם בלעכלין וואס מען לייגט אונטער איין געשניצטעם פאפיר אדר געשניצטע קארטע . אום צוא מאכין דורך דעם דיא שניצעראיי גאנצנער אלס אזוי .



שפאט אונ גילעכטער . דען מיר ווייבליכעס גישלעכט זייען שוין איינמאל אזוי אייטיל גישאפין . דאס זעלבסט דיא העסליכסטע אונז האלט זיך פאר איינע שיינהייט . אונ וויל גילטין אין דר וועלט פאר איינע ווענוס   אלזוי דאנק איך גאט דאס איך בין אזוי על[ענד] אונ בין אלזוי דורך דעם בעשירמעט פון שפאט אונ שאנדע . א[לזוי] איז קיין איבעל (אונגליק) דא אויף גאטעס וועלט וואס זאל אין אויך וואס גוטעס ניט האבין :

דיא פולווע האט דיזין גישפרעך דערציילט דערשטאנהאפט[ע] אונ האבין זיך ביידע זאט אנגילאכט דאריבער . פיל בעסער איז נ[...] צו גינאנגען אין דער צווייטע נאכט . דען דיא פולווע האט שוין גיה[אט] דיא עהרע בערופין צוא ווערין צו דער מושר פון דעם קרוינפרינצין או[...] אויבין אויף דיא גאלעריע . האט מיט איר גישפראכין איינע גאנ[צע] שטונדע אונ האט איר גיפרעגט וועגען איהרע עלטערין זייען . אונ א[...] אנטווארט וואר קורץ אונ בינדיג דאס זיא איז הערמידעס אטאכטער אונ וואר ענטלאפען פון איר מיט אקום . אונ מיט איין טייערען ש[...] פעריל וואס זיא האט איר אום איר שיינעם האלדז אום גיהאנגען אונ וואר פון דארט ארונטער גיפירט מיט איינע רוישענדע מוזיק [...] האט זיך באלד נאך דעם ווידער נאך הויז בעגעבען אונ דיא שוועסט[ער] איהרע האבין איר ביא איר אוים קליידין זיא ווידער דערציילט וו[...] דארטין וואר גישעהן אונ ביא אלעם דעם האבין זיא ניט פערלא[רן] נאך האפנונג דאס איינע פון זיא זאל נאך גיוויילט ווערין פאר איי[נע] קיניגין ויי האבין אין זיך פיל מעלות וואס יענע האט עס ניט האב[ין] וויא גימיינט אונ צווייטענס וויא עס איז צו הערין זאל זיא שוין זיין איי[נע] פערלאבטע (פערקנאסט) מיט דעם קרוינפרינץ פון קאסמיר . אונ זיא א[...] גיקומען אים נור צו קענען דיא טעכטער פון פערזיען אונ צו בעלוסט[יגן] זיך ביא דעם ברויט וואהל (כלה אויסקלייבונג) אונ ווייטער ני[...] אונ ווערט אזוי שטארק בעמערקט פון דעם קרוינפרינץ מוטער נור ב[...] דארום ווייל זיא איז איינע פרינצעסין . אונ דער צוא נאך ווייל ז[...] איז דיא ברויט (כלה) פון דעם קאסמירס קרוינפרינץ :

## 7.

### „ענדע גוט אלעס גוט“

אונ דיא שטאנדהאפטע וואס אלספרויא פון איינעם איינגעלשען געזאנדערטען האט גיוואוסט פון אלע דינגען (זאכין) וואס עס פערקאלאמצעט זיך אין פערזישען הויף. אונ פשיטה שוין פון די אכטונג אונ ליבע פון דעם קרוינפרינצען צו דער פולווע. אונ וואס האט אלזו געוואוסט אויף קלאר דאס ער (דער פרינץ) איז שוין איר געפאנגענער. אונ דאס ער וועט נור איר הייראטין אונ קיינע אנדערע האט זיך מיט דעם אליין נאך ניט גיוואלט בענוגענען „ניין“ האט זיא ביי זיך גיטראכט איך מוז מיך נאך נוקם זיין אויך אן זיי (אן אירע ביידע שטיפשוועסטער) זיי מוזין נאך בעפאר דיא פולווע וועט ווערין דיא ברויט (כלה) פון דיזין פרינצין. דיזע ביידע געפירט ווערין אין הויף אונ ווערין דארט אויס געמוסטערט (אויס געבראקירט ווערין) דען זייא פערדינען עס אין פולער מאס אונ האט דאהער פער זאגט דיא פולווע דאס זיא זאל שוין דעם מאנץ זאל ניט מער בעזוכין. „בלייב שוין צו הויז“ האט זיא צו איר גיזאגט דר פרינץ איז אריין אין דיין ליבענס געץ ער איז דיין געפאנגענר מי וועט דיך שוין אויף זוכין:

די פולווע האט איר געפאלגט אונ האט זיך פערהאלטין רוהיג צו הויזע אלס סקלאווין אין אירע לומפיגע קליידער ווי גיוועזן. דאך דיזע רוהע וואר ניט פון לאנגען דויער. דען אין איינינגע טעג ארום איזט געקומען צו פארין איין גרויסער זאטראפ (יענעראל) אין אפרידווארטע קארעטע צו דר מאדאם הארטיזודעס (זמיראמיס) האט איר גראטולירט (פאזדראוועט) אין דעם נאמען פון דעם קרוינפרינץ דאס איינע פון אירע טעכטער האט דאס גליק צו געפעלען אים. אלזו זאל זיא אזוא גוט זיין צו בריישען זייא גאנצע דריי טעג צו איינער פערלאבונג (תנאים). אלע וויא פיל זיא האט. דען ער ווייס מער ניט וויא איר פאמיליען נאמען אבר ניט איר איינענעם נאמען. אלזו מוז ער זיי אלעם צו זעהן בעקומען. אום זיינע געליבטע אויס צו וויילין פון זייא. אין דרייא טעג ארום וועלן

זייא



זיי אלע מיט גרויס טרויספף (פאראדע) אפגיפירט ווערין אין הויף אונ וועלין זיך מיט איינע וויינינגער אום קערין צו אייך צוריק דען איינע בלייבט אונזער קרוינפרינצינס פרוי. נון זייט איר שוין איינע גליקליכע מוטער. ווען איין מאל דער קרוינפרינץ בלייבט אייער איידעם וועלין שוין גרויסע הערשאפטען נעמען אייערע איבעריגע טעכטער אונ לײדער מיין הער האט זיך אפ גירופין דיא ערפרייטע מוטער האב איך נור צוויי טעכטער אונ ביידע זיינען ווערט צוא האבין קרוינפרינצין פאר מענער. אלזו דער נאט וואס האט גיזאגט פאר איינע וועט שוין זארגין פאר די צווייטע אלזוא. מאדאם האט איר דער זאטראפ גיענטפערט מאכט אייך נור פערטיג ביז צום דריטין טאג:

ווער קען בעשרייבין דיא פריידע פון דער זאמיראמיס נאך מעהר פון די ביידע טעכטער זיי וואורין אלזו שטאלץ דאס עס וואר זיי ניט דורך צוא בלאזין. באלד האט דיא גאנצע שטאט פערקלונגען מיט דיזער נאבריכט. עס האבין זייא אלע מיידבען מקנא גיוועזן. מען איזט גילאפין פון אלע עקין נאסין זייא צוא זעהען. מען האט זיך גישעצט גליקליך איין ווארט מיט זיי צו שפרעכען. אונ דיזע דריי טעג האט מען זיך דארטין ער מידעט פוצינדיק זיך. וואסען זיך דיק. צו קלייבענדיק זיך קליידער. אונ ווער געט שוין פון זייער פולווע. זיא וואר שוין ניט געווירדיגט אזו גאר צוא בערינען זייא עס וואורען גינומען פיר טייערע צאפען (פוץ מאבערינען) אונ דיא פולווען וואר שוין פערבאטין אריין צו שמעקין גאר אין זייער נאבינעט. מען האט זיך גאר אונ גאנץ אן איר פערגעסען. אונ זוא אבער (דיא פולווע) וואס האט גיוואוסט ביי זיך דאס מען מיינט נור איר אונ ניט זייא האט זייא אין שטילען גאנץ אויס גילאכט. אונ האט דיא גאנצע צייט צוא גיבראכט ביי איר גינערין דיא שטענדהעפטע. אונ זיי ביידע האבין זיך דארטין איבער זיי אלעמען העכסט לוסטיג גימאכט אונ האבין מיט פריידין זיך גידולדיגט אב צו ווארטען דאס ענדע פון דיזעם ליד.

אויף דעם דריטין טאג ווארען דיא ביידע שטיף שוועסטער אב גיפירט גיווארין אין דעם קעניגליכען הויף אין איינער גאלדענע קארעטע

מיט

מיט איינער ערדע וואכע׳ מיט מוזיקע׳ אונ מיט גרויסע הערשאפטין עס האט אויפגיקאכט די גאנצע שטאט׳ מען איז נאך גילאפין פון אלע זייטין׳ די מוטער האט זיך ניט גיקענט פאסין אויס פריידע.

דיזע פריידע איז אבער באלד פערוואנדעלט גיווארין אין שמאך אונ אין שאנדע׳ דען אין פערלויף פון אפאר שטונדין האט מען שוין גיזעהען וויא דיזע ביידע סיידבען גייען צוא פום צוריק מיט אראפ גילאזענע נעזער וויא אמאל המן נאך זיין ארום פירין מרדכי׳ דער צו נאך האט די זמיראמים גיהאט אגרויסען ווינאוואר פון דעם קיניג וואס זיא האט פערליקענט איר דריטע טאכטער די פולווע׳ (דען דאס האט אונטער גיזאגט דער גיזאנדערטער) זיא וואר באלד גיזוכט אונ דער וויסט ביי דער שטאנהאפע אויסגעפוצט וויא איינע פרינצעסין זי וואר באלד געפירט אין הויף מיט נאך איינע גרעסערע פאראדע אונ די איז ניט גיגאנגען צוריק צו פום וויא אירע שטיף שוועסטער דען זיא איז גיווארין ברויט (כלה) פון דעם קרוינפרינץ. נוא מיינע טייערע לעזערין ווער קען בעשרייבין די קריינקונג פון דער שטיפמוטער. פון די שטיפשוועסטערס׳ זייא זיינען שיר אויסין זינען גיווארין אונ וואלטין ווירקליך ווערין ווען די פולווע וואלט ניט גיוועזען איין אידעלעס הערץ׳ האט זיי אלעס פערציהען אונ דער צו נאך זיך העכסט מקרב גיוועזען צו זייא אונ ווער ווידער קען בעשרייבין די פריידען פון דער שטאנהאפע וואס עס האט גיקלונגען איר פלאן גליקליך צו סאבין דיזין אונגליקליכען העזען (בעשעפענעס) זיא וואר די הויפט מחותנעסטע ביי דיזער הויכצייט באלד וויא די פולווע איז גיווארין קיניגין (דאס הייסט די פרוי פון דעם נאסלערניק) האט זיא גילאזט אויף זוכין דעם פאטער האט אים בעפרייט אונ גילאזט ברייננגען אים צו זיך מיט גרויס עהרע עס וואר דארטין פריידען איבער פריידען׳ וויא דארטין אין גן עדן:

ענדע